**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/2/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אז די פאראייניגטע שטאטן קליינע ביזנעס אדמיניסטראציע האט צוגעשטעלט מער פון 15 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע הילף פאר איינוואוינער און ביזנעסער אין מערב ניו יארק וועלכע זענען באטראפן געווארן פון די זאווערוכע סוף דעצעמבער**

***הלוואות מיט נידעריגע ריבית זענען געגעבן געווארן פאר מער פון 500 היים און ביזנעס אייגנטימער וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך ווינטער שטורעם 'עליאט' אין ערי, קעטערעגוס, שעטאַקווע, דזשענעסי, ניאגרא און ווייאָמינג קאונטי***

***סך הכל פון 15.8 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע הילף בויט ארויף אויף פרעזידענטליכע 'מעידזשאר דיזעסטער' דעקלעראציע פארזיכערט דורך גאווערנער האקול צו העלפן ניו יארקער וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך שרעקליכע שטורעם***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די פאראייניגטע שטאטן קליינע ביזנעס אדמיניסטראציע (Small Business Administration, SBA) האט צוגעשטעלט מער פון 15 מיליאן דאלאר אין הלוואות מיט נידעריגע הלוואות פאר ניו יארקער וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך דעם ווינטער שטורעם 'עליאט' אין דעצעמבער פון 2022. בארעכטיגטע היים און ביזנעס אייגנטימער אין ערי, קעטערעגוּס, שעטאַקווע, דזשענעסי, ניאגרא און ווייאָמינג קאונטיס האבן געקענט אפּלייען פאר פעדעראלע הילף אין די פארעם פון SBA הלוואות נאכדעם וואס דער שטורעם האט אנגעזייט חורבנות אין רוב פון די מערב ניו יארק ראיאן מיט אנגייענדע זאווערוכע אומשטענדן, שטארקע ווינטן און עקסטרעם-קאלטע טעמפעראטורן. די הלוואות מיט ביליגע ריבית רעכענען אריין 13.5 מיליאן דאלאר פאר איינוואוינער, קרוב צו 2 מיליאן דאלאר פאר ביזנעסער און מער פון $700,000 אין 'עקאנאמישע וואונדן דיזעסטער הלוואות' (Economic Injury Disaster Loans) העלפנדיג א סך הכל פון 531 ביזנעסער און היימער.

"מערב ניו יארקער זענען פון די פעסטסטע מענטשן וואס איך קען, אבער דער שטורעם האט אנגעזייט חורבנות לויט יעדע מיינונג," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך באדאנק פרעזידענטביידן און די קליינע ביזנעס אדמיניסטראציע פארן אפפערן די גאר-נויטיגע הילף צו העלפן ניו יארקער זיך צוריקשטעלן אויף די פיס, זיך צוריק אויפבויען און זיך ערהוילן פון דעם היסטארישן שטורעם."

נאכפאלגנדיג עמערדזשענסיס אדער וועטער-פארבינדענע קאטאסטראפעס, ווערן SBA הלוואות צוגעשטעלט ווערן בארעכטיגטע היים אייגנטימער, טענאנטס, ביזנעסער און אנדערע דארפן פינאנציעלע שטיצע. נאכפאלגנדיג ווינטער שטורעם 'עליאט' אין דעצעמבער 2022, האבן איינגשטעלטע פון די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס ( Division of Homeland Security and Emergency Services, DHSES) און פון ערי קאונטי דורכגעפירט א גרונטליכע אפשאצונג פון די פארנעם פון די שאדנס וואס דער שטורעם האט פאראורזאכט, ערמעגליכנדיג הילף פון די SBA. די DHSES האט געארבעט צוזאמען מיט קאונטי און מיט די SBA צו עפענען צוויי פיזישע

לאקאציעס וואו ניו יארקער קענען אראפקומען פערזענליך און אפּלייען פאר דיזעסטער הלוואות.

גרופעס וועלכע זענען בארעכטיגט פאר די דיזעסטער הלוואות מיט נידעריגע ריבית רעכענען אריין:

- היים אייגנטימער: ביז $200,000 צו פאררעכטן זייער הויפט וואוינונג
- היים אייגנטימער און טענאנטס: ביז $40,000 צו פאררעכטן אדער ערזעצן געשעדיגטע אדער חרוב'ע פערזענליכע פארמעגן
- ביזנעס אייגנטימער: ביז $2,000,000 צו ערזעצן ריעל עסטעיט שטח, זאפאסן, מאשינען, עקוויפּמענט און אנדערע פיזישע פארלוסטן
- ביזנעסער און נאָן-פּראפיט ארגאניזאציעס: עקאנאמישע שאדן קאטאסטראפע הלוואות ביז $2,000,000 צוצושטעלן נויטיגע ארבעט קאפיטאל ביז נארמאלע אפעראציעס וועלן ווייטער פארזעצן נאך א קאטאסטראפע.

**ניו יארק סטעיט היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס קאמישאנער, דזשעקי ברעי, האט געזאגט,** "לעצטע דעצעמבער איז מערב ניו יארק געצווינגען געווארן צו אויסהאלטן א היסטארישע זאווערוכע וואס האט געשעדיגט קאמיוניטיס אריבער די גאנצע ראיאן. א דאנק די פירערשאפט פון גאווערנער האקול און אונזערע פעדעראלע שותפים, האבן ניו יארקער געקענט באקומען קרוב צו 16 מיליאן דאלאר אין הלוואות פאר נידעריגע ריבית וועלכע האבן געשפילט א הויפט ראלע ביים העלפן איינוואוינער און ביזנעסער זיך ערהוילן."

**סענאטאר טשאַק ע. שומער האט געזאגט,** "ווינטער שטורעם עליאט איז געווען א שטורעם וואס קומט אמאל אין א יובל, אנבררענגענדיג עקסטרעם געפארפולע אומשטענדן, שווערע שאדן צו אינפראסטרוקטור און ריזיגע עלעקטריציטעט קורצשלוסן אין באפעלאו און אין קאמיוניטיס אריבער ניו יארק. דאס איז די סיבה פארוואס איך האב געקעמפט אן אויפהער צו זיכער מאכן אז ניו יארקער'ס פארלאנג אז אן עמערדזשענסי זאל דעקלערט ווערן זאל באשטעטיגט ווערן דורך פרעזידענטביידן כדי צו ברענגען די דרינגנד-נויטיגע פעדעראלע הילף צו די סטעיט, און דאס איז אויך די סיבה פארוואס איך בין שטאלץ אז די פאראייניגטע שטאטן קליינע ביזנעס אדמיניסטראציע האט צוגעשטעלט מער פון 15 מיליאן דאלאר אין הלוואות מיט נידעריגע ריבית פאר ניו יארקע קליינע ביזנעסער און איינוואוינער וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך דעם שטורעם. איך אפלאדיר גאווערנער האקול'ס איבערגעגעבנקייט צו צושטעלן פאר מערב ניו יארק און קאמיוניטיס אריבער די סטעיט וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך ווינטער שטורעם עליאט די הילף וואס זיי דארפן, און איך וועל פארזעצן צו קעמפן צו זיכער מאכן אז אלע ניו יארקער וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך דעם טראגישן שטורעם האבן די מיטלען וואס זיי דארפן זיך צו קענען צוריק אויפבויען און זיך ערהוילן."

**סענאטארשע קירסטען דזשיליבראנד האט געזאגט,** "ווינטער שטורעם עליאט איז געווען א שרעקליכע זאווערוכע וואס האט באטראפן טויזנטע אריבער מערב ניו יארק. נאכפאלגנדיג אונזערע שתדלנות'ן צו די ביידן אדמיניסטראציע, בין איך שטאלץ אז די קליינע ביזנעס אדמיניסטראציע האט צוגעשטעלט מער פון 15 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע פינאנצירונג צו העלפן איינוואוינער און ביזנעסער אין מערב ניו יארק זיך צוריק אויפצובויען. איך וועל פארזעצן צו קעמפן פאר קאמיוניטיס וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך דעם שטורעם צו זיכער מאכן אז זיי באקומען די פינאנצירונג און מיטלען וואס זיי דארפן זיך צו קענען צוריק אויפבויען און זיך ערהוילן."

**קאנגרעסמאן ברייען היגינס האט געזאגט,** "ווינטער שטורעם עליאט האט אנגעברענגט שאדנס פאר פאמיליעס, היימער און ביזנעסער אריבער די מערב ניו יארק קאמיוניטי. שאדן אפשאצונגען און ערהוילונג באמיאונגען האבן גענומען וואכן און חודשים, און נאך היינט זעצט אונזער קאמיוניטי פאר צו באוויינען די לעבנס וועלכע זענען פארלוירן געווארן אין דעם שטורעם וואס קומט אמאל אין א יובל. שטיצע פון די פאראייניגטע שטאטן קליינע ביזנעס אדמיניסטראציע האט ארויפגעבויט אויף די דיזעסטער הילף

געלטער וועלכע זענען צוגעשטעלט געווארן דורך FEMA, ערלויבנדיג מערב ניו יארקער אין די גרעסטע נויט צו באקומען די פינאנציעלע מיטלען וואס זענען נויטיג געווען צו אדרעסירן די שטורעם שאדנס וועלכע האבן באטראפן זייערע היימער און פרנסות. א דאנק די ארטיגע פעדעראלע באמיאונגען האט אונזער קאמיוניטי געקענט זיך קאנצענטרירן אויף דאס זיך צוריק אויפבויען, זיך ערהוילן און זיך היילן צוזאמען."

**קאנגרעסמאן ניק לענגווארטי האט געזאגט,** "ווינטער שטורעם עליאט האט געהאט טויטליכע און שרעקליכע קאנסעקווענצן פאר מערב ניו יארק, און איך בין שטאלץ צו ארבעטן מיט פעדעראלע און סטעיט אויטאריטעטן צו זיכער מאכן אז די קאמיוניטיס וועלכע זענען די שווערסטע באטראפן געווארן האבן די מיטלען וואס זענען נויטיג זיך צו ערהוילן און בליהען. די געלטער זענען א פארזעצונג פון אונזער אנטשיידענע פארפליכטונג צו זיכער מאכן אז פאמיליעס און קליינע ביזנעסער קומען ארויס פון די שטורעם וואס קומט אמאל אין א יאר-הונדערט שטערקער פון סיי ווען בעפאר."

**פאראייניגטע שטאטן קליינע ביזנעס אדמיניסטראציע דירעקטאר פון פעלד אפעראציעס אין מזרח, קעם פלעמינג, האט געזאגט,** "קליינע ביזנעסער וועלכע האבן געליטן עקאנאמישע פארלוסטן אלץ רעזולטאט פון די דיזעסטער און ווילן אפלייען פאר הלוואות מיט נידעריגע ריבית פון די SBA ווערן געמוטיגט אזוי צו טוהן בעפאר די טערמין אום נאוועמבער 27."

**ערי קאונטי עקזעקיוטיוו, מארק סי. פאלאנקאַרז, האט געזאגט,** "איבער 500 היים און ביזנעס אייגנטימער האבן באקומען די גאר-נויטיגע פינאנציעלע הילף פון די קליינע ביזנעס אדמיניסטראציע נאכפאלגנדיג די טויטליכע און חורבן-אנזייענדע קראצמערך זאווערוכע וואס איז דעקלערט געווארן אלץ א 'מעידזשאר דיזעסטער' דורך פרעזידענטביידן. איך באדאנק אים פארן מאכן די דעקלעראציע און ערמעגליכן די פינאנצירונג, און איך באדאנק גאווערנער האקול פאר איר שתדלנות ביים דאס דורכפירן."

**באפעלאו מעיאר בייראן וו. בראון האט געזאגט,** "די היסטארישע דעצעמבער זאווערוכע האט געהאט באדייטנדע עקאנאמישע השפעות אויף אונזער קאמיוניטי. אזוי ווי מיר זעצן פאר זיך צו ערהוילן און פלאנירן פאר דעם בעפארשטייענדן ווינטער סעזאן, איז דאס קריטיש אז אונזער קאמיוניטי זאל באקומען די נויטיגע מיטלען. איך אפלאדיר גאווערנער האקול פארן ארבעטן מיט דיביידן אדמיניסטראציע צו ברענגען הילף צו די ביזנעסער וועלכע דארפן דאס די מערסטע."

דער SBA הלוואה פראגראם בויט ארויף אויף פעדעראלע הילף וואס איז שוין באשטעטיגט געווארן דורך א 'מעידזשאר דיזעסטער' דעקלעראציע וואס איז אנאנסירט געווארן דורך גאווערנער האקול אין מערץ צו ברענגען פעדעראלע הילף פאר קאמיוניטיס וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך דעם ווינטער שטורעם סוף דעצעמבער.

אונטער די דעקלעראציע, זענען ערי, דזשענעסי, ניאגרא, סעינט לאורענס און סופאָלק קאונטיס אלע דעזיגנירט געווארן צו זיין בארעכטיגט פאר דעם פעדעראלן פובליק הילף פראגראם (Public Assistance Program) וואס שטעלט צו געלטער צו שטיצן די פאררעכטונג פון אינפראסטרוקטור אין פובליק אייגנטום. די דעקלעראציע האט אויך ערמעגליכט פעדעראלע פארגוטיגונגען פאר שניי שארן אפעראציעס אין ערי און ניאגרא קאונטיס, און אונטער FEMA'ס אינדיווידועלע הילף (Individual Assistance) פראגראם איז באגרעבעניש הילף צוגעשטעלט געווארן פאר די וועלכע זענען באטראפן געווארן אין ערי און ניאגרא קאונטיס וואו 47 ניו יארקער האבן טראגיש פארלוירן זייערע לעבנס.

די DHSES'ס קאטאסטראפע ערהוילונג אפיס (Disaster Recovery Office) האט געארבעט דירעקט מיט די בעאמטע פון FEMA און מיט באטראפענע לאקאלע רעגירונגען צו אפשאצן די שאדנס וואס זענען פאראורזאכט געווארן דורך- און קאסטן פארבינדן מיט- די דיזעסטער כדי צו קענען ארויסבאקומען די 'מעידזשאר דיזעסטער' דעקלעראציע.

**איבער די דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס**

די דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס שטעלט צו פירערשאפט, קאארדינאציע און שטיצע צו פארמיידן-, באשיצן פון-, זיך גרייטן פאר-, רעאגירן צו-, זיך ערהוילן פון- און פארמינערן קאטאסטראפעס און אנדערע נויטפעלער. פאר מער אינפארמאציע, טרעפט די DHSES אויף Facebook, אויף Twitter אדער באזוכט dhses.ny.gov.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418